UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Dos Telerl Fun Himl / The Little Bowl From Heaven (Longing for Happiness)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/41m1p7zb

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

Author
Rebecca Koppe, Rivke Kope /

Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# דאָס טעלערל פון הימל

ווען כ'זאָל זיין אַן אַנדערע ווי כ'בין,
ניט וואַנדערן דורך ליד און האָפן,
פליען ווי אַ שמעטערלינג באַגין,
וואָס שפּינט אַריין געזאַנג אין סטראָפן,
וואָלט מיין געביין שוין איצט געווען
ערגעץ אויף אַ פעלד אַ שטערן,

ווי דאָס איינמאָליקע געשען,
דורך באַפעל — געבוירן ווערן.
ווייל איבער מיר שאָטנס פּויזן
רייסן מיר פון שלאָף דעם דרימל,
נעמט אַ שטורעם־כוואַליע ברויזן,
כ'צי אַראָפּ ס'טעלערל פון הימל...

***

נעם ס'טעלערל פון הימל,
מיין האַרץ אונטער פעדער.
ס'קאָן אין שפּיגל פון מיין ליד,
געפינען זיך אַ יעדער.

איך זינג אין מיר אַריין,
ווען עס וויינט פון מיר אַרויס;
כ'געפין מיך אָפּ אין ליד
פון מיין געמיט די שויס...

— — — — — — — — —

דאָס טעלערל פון הימל
איז מיין זין פון לעבן.
איך גיב עס דיר דורך פרייד,
פאַר דער פרייד פון געבן.